**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 78 מיליאן דאלאר פאר ריינע וואסער און טרונקען וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן**

***פארגעשלאגענע 847 מיליאן דאלארדיגע באנדס אויספארקויף פארגעשאצט צו איינשפארן 149 מיליאן דאלאר פאר מענטשן וואס צאלן פאר יוטיליטיס אין ניו יארק סיטי***

***פינאנציעלע הילף פאר ניו יארק סיטי רעכנט אריין נאך 50 מיליאן דאלאר פאר אן אנגייענדער טרונקען וואסער פראיעקט***

***אומגעפער 8 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון 'אומפארטייאיש אינפראסטרוקטור געזעץ' וועט שטיצן פראיעקטן אין דעם הויפטשטאט ראיאן און סאוטערן טיער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) באורד אָוו דירעקטארס האט באשטעטיגט 78 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן אין די הויפטשטאט ראיאן, פינגער לעיקס, ניו יארק סיטי, נארט קאנטרי, סאוטערן טיער און מערב ניו יארק ראיאנען. די אינוועסטירונגען וועלן העלפן קאמיוניטיס גרויס און קליין צו אונטערנעמען פראיעקטן וועלכע זענען קריטיש פאר די פובליק געזונטהייט, קוואליטעט פון לעבן, עקאנאמישע אנטוויקלונג און ענווייראמענטאלע באשיצונג.

"פארבעסערן אונזער וואסער אינפראסטרוקטור איז וועזנטליך צו קענען בויען זיכערע און געזונטע ניו יארקע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנציעלע הילף איז אלעס וואס מאכט אויס צו קענען צושטעלן זיכערע טרונקען וואסער פאר נאטורליכע קוועלער פאר ניו יארקער, צו באשיצן אונזערע נאטורליכע קוועלער און צו זיכער מאכן אז פראיעקטן זענען ערפאלגרייך און אפאָרדעבעל."

די באורד'ס באשטעטיגונגען רעכענען אריין הלוואות דורך די [ריינע וואסער סטעיט הלוואה קאסע](https://efc.ny.gov/cwsrf) (Clean Water State Revolving Fund) און דורך די [טרונקען וואסער סטעיט הלוואה קאסע](https://efc.ny.gov/dwsrf) (Drinking Water State Revolving Fund), און אזוי אויך גרענטס וועלכע זענען שוין אנאנסירט געווארן בעפאר אונטער די סטעיט'ס [וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען (Water Infrastructure Improvement, WIIA) און אינטער-מוניציפאלע גרענטס (Intermunicipal Grant, IMG)](https://efc.ny.gov/wiia) פראגראמען. געלטער פון דעם פעדעראלן אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law, BIL) פאר וואסער און סוער אינפראסטרוקטור ווערט פארטיילט דורך די EFC פון די סטעיט הלוואה קאסעס. די באורד'ס באשטעטיגונג אויטאריזירט צוטריט פון לאקאלע רעגירונגען צו די אינוועסטירונג געלטער צו קענען אנהויבן די ארבעט אויף קריטישע וואסער און סוער אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאלמאן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו ריינע וואסער ווערט ווידעראמאל ארויסגעוויזן מיט די היינטיגע באדייטנדע אינוועסטירונג, שטייענדיג בלויז נאכן אנאנסירן 325 מיליאן דאלאר פאר סטעיט וואסער גרענטס פריער די וואך. מיר מאכן סטראטעגישע פארבעסערונגען צו אונזער סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור, און די אינוועסטירונגען וועלן בענעפיטירן ניו יארקער פאר פילע קומענדיגע דורות."

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- **אלבאני מונציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט (הויפטשטאט ראיאן) –** $2,127,250 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה און $4,254,500 גרענט פון BIL אלגעמיינע צוגאבליכע געלטער, און אזוי אויך א WIIA $3,625,000 גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון צוזאמגעשטעלטע סוער איבערפלוס לינדערונג פראיעקטן געבויט אין די שטעט טראָי, אלבאני און קאהאָוס אין שטיצע פון די אלבאני צוזאמגעשטעלטע סוער איבערפלוס לאנג-טערמיניגע קאנטראל פלאן.
- **ווילעדזש אָוו ענדיקאט אין ברום קאונטי (סאוטערן טיער) –** WIIA $75,295 גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון אפלויף סיסטעם פארבעסערונגען.

**טרונקען וואסער פראיעקטן:**

- **ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט –** $50,000,000 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט פאר די קאנסטרוקציע פון א צווייטע וואסער אריבערפירונג טונעל פון די קענסיקאָו רעזערוואר צו די קעטסקיל/דעלעווער 'אולטרא-ווייאלעט' דיסאינפעקשען איינריכטונג אין איסטוויו.
- **ווילעדזש אָוו פארטוויל אין קעטערעגוס קאונטי (מערב ניו יארק) —** $1,622,559 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה און $785,971 גרענט פון BIL אלגעמיינע צוגאבליכע געלטער, און אזוי אויך א WIIA $3,000,000 גרענט פאר פארבעסערונגען צו ברונעם קוועלער און רייניגונג געביידעס; כלארין רייניגונג און 'פלואריידעישען' רייניגונג סיסטעמען פראצעדורן און די צפון סטארעדזש טאנק; ערזעצונג פון די דרום סטארעדזש טאנק רעזערוואר, פארעלטערטע און צו קליינע וואסער רערן, וואלווס און היידרענטס; און אינסטאלאציע פון 'טעלעמעטרי' און נייע וואסער מיטערס.
- **סיטי אָוו ראטשעסטער אין מאנראו קאונטי (פינגער לעיקס) –** WIIA $3,000,000 גרענט פאר די ערזעצונג פון אומגעפער 1,100 בלייענע, בליי-איבערגעדעקטע און 'גאַלוואנייזד' וואסער סערוויסעס רערן.

**ריפיינענסען פארענדיגטע פראיעקטן וועט עררייכן לאנג-טערמיניגע איינשפארונגען אין הלוואה סערוויס באצאלונגען**

די באורד האט אויך אונטערגענומען שריט צו העלפן פארזיכערן אנגייענדע לאנג-טערמיניגע אפארדעבילעטי פון עקזיסטירנדע פראיעקטן. דאס רעכנט אריין דאס באשטעטיגן אן 847 מיליאן דאלארדיגע באנד אויספארקויף צו ריפיינענסען פארשידענע סוער וואסער און טרונקען וואסער פראיעקטן און צוריק באצאלן פריערדיגע באנדס וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן פאר די ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט ( ,New York City Municipal Water Finance Authority NYCMWFA). באנדס וואס ווערן פארקויפט צו צוריקצאלן עלטערע באנדס שפארן איין נאך געלט פאר יוטיליטי קליענטן אין ניו יארק סיטי דורכן ריפיינענסען די אריגינעלע באנדס וואס האט פינאנצירט זייערע

פראיעקטן פאר נאך נידעריגערע אינטערעסט. די אויספארקויף איז געשאצט צו שפארן 149 מיליאן דאלאר פאר יוטיליטי קליענטן אין ניו יארק סיטי אין לויף פון די קומענדיגע 30 יאר.

אין צוגאב צו די באנד אויספארקויף פאר די טובה פון ניו יארק סיטי, האט די באורד באשטעטיגט 10 מיליאן דאלאר אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואות פאר דריי עקזיסטירנדע פראיעקטן אין די **ווילעדזש אָוו לעיק פלעסיד אין עסעקס קאונטי (נארט קאנטרי)**, די **ווילעדזש אָוו שערמאן אין שעטאַקווע קאונטי (מערב ניו יארק)** און די **טאון אָוו וואדהאל אין סטויבען קאונטי (סאוטערן טיער)**. קורץ-טערמיניגע הלוואה שטעלט צו די געלטער פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון פראיעקטן. איינמאל פראיעקט קאנסטרוקציע איז פארטיג ווערט די קורץ-טערמיניגע הלוואה געוועהנטליך ריפייננענסט צו ווערן א לאנג-טערמיניגע הלוואה פאר ביז אזויפיל ווי 30 יאר, איינשפארנדיג לאקאלע רעגירונגען באדייטנדע אינטערעסט אויסגאבן וואס זיי וואלטן געהאט אויב זיי וואלטן אליין געדארפט ארויסנעמען די הלוואות.

באזירט אויף די יעצטיגע מארקעט אומשטענדן זענען די לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואות פאראויס געזאגט צו איינשפארן פאר יוטיליטי קליענטן א געשאצטע 15 מיליאן דאלאר אין אינטרעסט באצאלונגען אין לויף פון די תקופה וואס די הלוואות ווערט צוריקגעצאלט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און EFC באורד פארזיצער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול זעצט פאר צו גיבן פריאריטעט פאר די באשיצונג פון ניו יארק'ס וואסער קוואליטעט, ווי געזעהן מיט די באדייטנדע אינפראסטרוקטור און שטאנדהאפטיגקייט אינוועסטירונגען אין די 2024-25 עקזעקיוטיוו בודזשעט וואס וועט ברענגען די סך הכל פינאנצירונג זינט 2017 צו 5.5 ביליאן דאלאר און מיט די 78 מיליאן דאלאר אין גרענטס און פינאנצירונג הילף אנאנסירט היינט. די פינאנצירונג וועט העלפן לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט ביים פארענדיגן פראיעקטן צו באשיצן טרונקען וואסער און אויפרעכטן נאטורליכע קוועלער, בשעת'ן שטיצן עקאנאמישע וואוקס אין פלעצער וואס דארפן דאס די מערסטע."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול און די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פאר זייער פירערשאפט ביים אנטוויקלען פינאנצירונג געלעגנהייטן וואס שטיצן ריינע טרונקען וואסער אינפראסטרוקטור. די פינאנציעלע הילף וועט זיין א דורכברוך פאר פילע קאמיוניטיס, ערמעגליכנדיג זיי צו אנהויבן קריטישע טרונקען וואסער פראיעקטן וואס וועלן היטן אויף די געזונטהייט פון זייערע איינוואוינער."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "ריינע טרונקען וואסער איז א רעכט פאר יעדן, און דאס איז די סיבה פארוואס איך האב געשיקט גרויסע פעדעראלע דאלארן פליסנדיג קיין ניו יארק אין אונזער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ צו פארבעסערן אונזערע פארעלטערטע טרונקען וואסער און סוער אינפראסטרוקטור. די היינטיגע פינאנצירונג לייגט צו צו די מיליאנען צו ארויסבויען ריינע און טרונקען וואסער סיסטעמען און מאכט זיכער אז פאמיליעס, קינדער און עלטערע מענטשן אין יעדע ווינקל פון די עמפייער סטעיט קענען האבן וואסער ריין פון פארפעסטיגונגען. פון דעם הויפטשטאט ראיאן ביז מערב ניו יארק, וועלן מער פון אונזערע שכנים האבן ריינע טרונקען וואסער אזוי ווי מיר שאפן דזשאבס, דזשאבס, דזשאבס. איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן די קריטישע פעדעראלע פינאנצירונג מיט גאווערנער האקול צו איבערמישן א בלאט פאר ניו יארק'ס פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "יעדע לעבן און יעדע דזשאב איז אנגעוואנדן אויף וואסער. די פונדאמענטאלע פאקט איז די סיבה פארוואס איך האב געארבעט פאר יארן אין קאנגרעס צו פארמערן פעדעראלע אינוועסטירונגען אין טרונקען וואסער, און איך בין געווען גאר שטאלץ צו פאראויס שטופן דעם

אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ צו אדרעסירן אמעריקע'ס צוזאמפאלנדע וואסער סיסטעמען. איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זעהן די קריטישע דאלארן פליסנדיג צו אונזערע קאמיוניטיס, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע, ריינע טרונקען וואסער."

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "ריינע וואסער איז קריטיש פאר יעדע קאמיוניטי, און דאס באשיצן מוז זיין א פריאריטעט צו העלפן היטן אויף א פאזיטיווע השפעה אויף די געזונטהייט פון אלע ניו יארקער. דורכן ארויפלייגן וואסער אינפראסטרוקטור אויף א שטאנדהאפטיגע וועג, לאזן מיר איבער א לאנג-בלייבנדע ירושה פאר צוקונפטיגע דורות."

**ניו יארק'ס פארפליכטונג צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטייט'ס לאנד-פירענדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קומט אויס צו 5 ביליאן זייט 2017. גאווערנער האקול האט אנאנסירט די וואך אז 325 מיליאן דאלאר אין גרענטס איז דא צו באקומען פאר וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן דורך די קומענדיגע רונדע פון די סטעיט'ס WIIA און IMG פראגראמען. די שריט ערפילן אויף א באלדיגן פארנעם גאווערנער האקול'ס ריינע וואסער פינאנצירונג צוזאג וואס איז אנאנסירט געווארן אין איר עקזעקיוטיוו בודזשעט און 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, וואס רעכענען אריין א סעריע פון ענדערונגען צו ארויסנעמען די מערסטע בענעפיטן וואס איז נאר מעגליך פאר קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס. אפליקאציעס און די פולשטענדיגע תנאים צו זיין בארעכטיגט וועלן פארעפנטליכט ווערן אויף efc.ny.gov אום מאנטאג, פעברואר 5.

די גאווערנער איז ארויסגעקומען מיט 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו אויסברייטערן די EFC'ס טעכנישע הילף פראגראם און העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פינאנצירונג צו אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף efc.ny.gov/CAT.

דער ווילער-באשטעטיגטער 4.2 ביליאן דאלארדיגער ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; איופרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג אונטער דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ איז פארטיילט געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנער האקול האט אנאנסירט 479 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 156 פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען כאטש 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באנד אקט געלטער, מיט א ציל פון 40 פראצענט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן